# הדרך הישרה

עלון לחיזוק דרך חסידות חב"ד
כפי שהורונו רבותינו נשיאינו

גליון י"ג • חג הסוכות תשע"ב

# נהרא נהרא ופשטיה

## ח"ו לומר שפרשיות שלא כאדה"ז הוא פסול!

**שאלה**: האם נכונה השמועה בשם הרבי, שתפילין ומזוזות שהפתוחות וסתומות שלהם אינן כשיטת אדמו"ר הזקן הם פסולות?

**תשובה**: באם אמת שעדיין ישנם הבודדים דברים מלבם ואומרים אותם בשמי... עליהם להזהירם לא להילחם בי.

אראנו נפלאות ע' 186 – אוצר מנהגים והוראות ע' רכו

## ישנם חילוקים • כל שבט ושבט במסילתו יעלה

יום ב' דחה"ש תשמ"ז

זכורני מה"חדר" וויכוח של שני ילדים — א' מבית ליטאי, וא' מבית של חסידי פולין: הילד הליטאי התפאר בפני חבירו שמתפלל במתינות, משך זמן ארוך כו'. נענה חבירו ואמר: אדרבה, אני חוטף את התפלה במהירות כמו שחוטפים דבר חביב, ואילו המתינות שלך, היא, מפני שאינך חש את חביבות שבתפלה. השיב לו הילד הליטאי: אביא לך ראי' לצדקת דברי — מהמלמד, שבודאי חביבה התפלה אצלו, ואעפ"כ, מתפלל במתינות. נענה חבירו ואמר: המלמד — תפלתו חמה ובוערת, ובמילא, דבר חם אי אפשר לחטוף, אבל אצלנו, התלמידים — התפלה לא חמה כל כך, ויתכן אפילו שהיא קרירה... ובמילא, יש לחטוף כמו שחוטפים דבר חביב.

הסיבה לכך שמזכירים עתה סיפור זה, היא — כדי להדגיש את הענין דאהבת ישראל ואחדות ישראל, שכן, למרות החילוקים בחוגי בנ"י, "נהרא נהרא ופשטי'", מתאחדים כולם בכך שכוונתם לשם שמים, איש איש לפי דרכו, "כל שבט ושבט במסילתו יעלה", לתכלית ומטרה אחת.

התוועדויות תשמ"ז ח"ג ע' 418

## דינים ומנהגים שונים בכל קהילה

ד' טבת תשי"ד

עס איז ערהאלטען געווארען א אנפראגע אין אייער נאמען, בנוגע צו אראפנעמען די בארד, אויב עס איז דא א אונטערשייד דורך וואס פאר א וועג דאס ווערט געטאן, אדער עס איז קיין אונטערשייד אין דעם.

געוויס, עס איז דא זייער א גרויסער אונדטערשייד. און מען קען דאס פארשטיין, דורך א משל. עס זיינען פראן משקאות (געטראנקען) וועלכע זיינען סם (פויזען) פאר דעם מענשן, און ווען דער מענש טרינקט זיי, מוז מען אנועמען די שטריינגסטע מיטלען צו אויסהיילען עם פון דעם שאדען וואס ווערט פאראורזאכט דורך דעם אין דעם מענשליכען קערפער, ווען אפילו ער טרינקט דאס נאר איין מאל, און ווער רעט אויב ער טרינקט דאס מערערע מאל. פראן ווידער זאכען וועלכע טוען אויך שאדען דעם מענשן אבער נאר דאן ווען זיי טרעפען אן אין א געוויסען טייל פון קערפער, אבער אין א צווייטען טייל פון קערפער שאדען זיי ניט, חאטש זיי ברייגנען אויך ניט קיין נוצען. אט ווי למשל, ווען א מענש עסט שאלעכץ פון פאטייטאס אדער מעלאן, וועלכע ברייגען עם געוויס קיינע נוצען, און מען דארף זעהען וואס פריער צו באפרייען זיך פון דעם, אבער עס איז דערין קיין סכנה פראן,

ווען דאס קומט אריין אין מאגען (סטאמיק) אבער ווען דאס קומט אריין אין די לונגען, דענסטמאל ברייננגט דאס דעם גרעסטען שאדען צו דעם מענשן.

און אזוי אויך מער ווייניגער איז פראן פאלען אין דער נשמה פון א אידען, פראן זאכען וועלכע זיינען סם (פויזען) פאר דער נשמה, דאס זיינען עבירות אין וועלכע אלע אידען זיינען גלייך אויף ניט צו טאן דאס, און אויב א ניט אידען שאדט דאס ניט, אבער א אידען שאדט דאס, ניט נאר צו זיין נשמה נאר אויך צו זיין קערפער, פראן אבער אזעלכע זאכען, וואס א געוויסען סוג (גראד) פון אידען שאדט דאס, און דעם צווייטען סוג, שאדט ניט. ווי צום ביישפיל, בא אונז אשכנזים, איז נעמען צוויי פרויען, איז מען עובר אויף דעם חרם, און בא ספרדים מעג מען.

און אזוי אויך איז דא א אונטערשייד אין אראפנעמען די בארד. אראפנעמען דורך א תער (א ראזיר מעסער) איז דאס א איסור דאורייתא פאר אלע אידען גלייך, און דער וואס טוט דאס ר״ל איז עובר יעדער מאל אויף פינף לאווין, ווי עס שטייט אין גמרא אין שולחן ערוך ופוסקים, אבער דאס אראפנעמען דורך א געוויסען וועג מיט א סם (פאודער) און עלעקטריק שייווער, איז פאר די חסידים וועלכע זיינען פארבונדען מיט די תלמידי הבעל שם טוב, איז פאר זיי איז דאס א איסור, און פאראורזאכט שאדען דער נשמה און במילא אויך דעם קערפער, אבער ניט אזא גרויסען היזק, ווען מען איז חס ושלום עובר אויף פינף לאווין ווען מען טוט דאס דורך א ראזיר מעסער און ענליכעס, אבער פאר מתנגדים און עולמות'שע אידען, די וועלכע ווייסען ניט אדער זיי האבען קיין שייכות צו דעם פסק דין פון תלמידי הבעל שם טוב איז דאס ווי דער אויבענדערמאנטער משל פון די שאלעכץ פון פאטייטעס, אז דאס איז ניט קיין זאך פאר א מענשן, ווען עס טרעפט די שאלעכץ אין סטאמיק, דארפמען זיך באפרייען פון דעם, אבער קיין סכנה איז ניט פראן אין דעם (אבער ווען עס טרעפט אן אין די לונגען, דארפמען זיין שטריינג אז דאס זאל מער ניט פארקומען, און זעהן באזייטיגען דעם שאדען וואס ווערט פאראורזאכט דורך דעם).

און ניט וויסענדיק גענוי וועגען אייך, אויף וויפיל איר זייט פארבונדען און געהערט אן צו חסידות, איז דאס אבער א זיכערע קלארע זאך אז אראפנעמען די בארד מיט א ראזיר מעסער און ענליכעס, איז מען יעדער מאל עובר אויף פינף לאווין דאורייתא, און דורך א עלעקטריק שייווער אדער פאודער, ווענדעט זיך דאס אויף וויפיל מען איז פארבונדען מיט תורת הבעל שם טוב, און השם יתברך זאל אייך העלפען צו פירען אייך אין דער גלייכער ריכטיגער וועג פון תורה ומצות, וואס דאס איז פאר אידען דער אמת'ר גליקליכער וועג פאר גליק סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

אגרות קודש ח״ח ע׳ פז

## לא להתנשאות על דרכים אחרים • כל העדה כולם קדושים

הנה לא טובה השמועה אשר שמעה אזני, קול ענות אנכי שומע, מצעירי הצאן אשר השמיעו במרום קולם, ויקומו לצחק ושתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ, לשפוך בוז וקלון על כל תופשי התורה, ויודעים ולא יודעים, אשר אינם מהאנשים השלמים אתנו לומר כי העדה שלנו לבדה קדושה. ח״ו הס מלהזכיר כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה׳ ומדוע תתנשאו על קהל ה׳.

ופליאה נשגבה בעיני על העולה על רוחכם להיות מאנשי ותלמידי תלמידי רבוה״ק, אחר שבררתם לעצמכם דרך עקלתון, ואזליתו בתר איפכא ותהפוכות ממש מן הדרך אשר הדריכונו רבותינו הקדושים, אשר ראשית והתחלת עבודת ה׳ האמיתית היא היות מתלמידיו של אברהם אבינו ע״ה, רוח נמוכה ונפש שפלה בפני כל אדם ממש, כמו שאמרו רז״ל שמשים עצמו כשיריים ממש באמת לאמתו בדעה והשכל, להשכיל ולהבין בבינת הלב ובשכלות הלב איך הוא שארית ושיריים של כל ישראל ממש. ומבלעדי זה לא ירים איש את ידו ורגלו לפתח פה ולשון מדברת גדולות ה׳ ורוממותו בגרונו באמת, כי אם בדמיונות כוזבות, כדכתיב ממעמקים קראתיך ה׳.

אג״ק אדה״ז ח״א ע׳ קפג

## אחדות ישראל

ליל ב׳ דחה״ס תשמ״ו

בשנים האחרונות ישנה הדגשה מיוחדת אצל חסידי חב״ד על ענין הניגונים והריקודים במעשה בפועל דוקא.

וכמה טעמים לדבר, וא׳ מהם – מכיון שצריכים לפעול ענין של קירוב עד לענין של אחדות שאר חוגי בנ״י, שאצלם היתה תמיד עיקר ההדגשה על ענין הניגונים והריקודים. ולכן, כדי להתאחד עמהם — מוסיפים חסידי חב״ד בעבודתם ושמים גם הם הדגשה מיוחדת על ענין הניגונים והריקודים (מבלי לגרוע ח״ו בסדר העבודה המיוחדת של חסידי חב״ד).

התוועדויות תשמ״ו ח״א ע׳ 200

נדבת החפץ בעילום שמו
שיתברך בכל מילי דמיטב בגו״ר